# סצענע 3 ג׳
# Escena 3 C
## די באָבע שיקט זיי אין מאַרק
## La Bobe los manda al mercado

גיסע-ביילע - זעליג, קענסט אונדז העלפֿן און גיין אין מאַרק קויפֿן אַ פּאָר זאַכן ?

זעליג - אין מאַרק ? איצטער קאָכסטו, און איך בין זייער פֿאַרנומען...

גיסע-ביילע - פֿאַרנומען ? אין קיך ?... וואָס טוסטו ?

זעליג - איך טרינק אַ טיי אין מײַן גלעזל, איך עס זופּ מיט מײַן לעפֿל און איך וויל זען די טעלעוויזיע, אָבער איך קען גאָרנישט זען. מענדעלע, קום אַהער !

מענדל - וואָס איז זיידע ? איך עס איצטער מײַן פֿיש.

זעליג - מענדעלע, מענדעלע, קום. איך בײַט און איך בײַט די סטאַנציעס, און איך זע די גאַנצע צײַט די זעלבע זאַך...

מענדל - און וואָס זעסטו זיידע ?

זעליג - בלויז פּאַסן...

מענדל - בלויז פּאַסן ??? אוי, זיידע, זיידע... דו קוקסט אויף דער מיקראָכוואַליע... נישט אויף דער טעלעוויזיע !

גיסע-ביילע - טעלעוויזיע, שמעלעוויזיע... זעליג, לאָז איבער דײַן גלעזל און דײַן לעפֿל, און גיי שוין אין מאַרק. מיר דאַרפֿן קאָכן. איך דאַרף האָבן נאָר אַ פּאָר זאַכן...

זעליג - נישטאָ קיין ברירה... מענדל. לאָז דײַן טעלער מיטן פֿיש, און קום מיט מיר... לאָמיר גיין אין מאַרק.

מענדל - אָבער זיידע... איך בין הונגעריק !

זעליג - שאַ, שאַ, מענדעלע. גיסע-ביילע, וואָס דאַרפֿסטו האָבן ?

גיסע-ביילע - נאָר אַ פּאָר זאַכן. נאַ דיר די רשימה.

זעליג - נאָר אַ פּאָר זאַכן ???

גיסע-ביילע - גיי, גיי מיט מענדלען. איך וועל אָנהייבן שרײַבן מײַן שפּײַזקאַרטל מיט רייזעלען.

זעליג - קום מענדעלע. מיר גייען אין מאַרק.

מענדל - אַ ברירה האָב איך ?